בסייעתא דשמיא

# יונגעֶרליך



## צאן קדשים

*Arranged by*

Naftali Schnitzler

סידור
קול יעקב
החדש
לימות החול
ספר

ברוב שבח והודי׳ להשי״ת טוען מיר פרעזענטירן פאר אייך

# יונגערליך דריי - צאן קדשים

די נומער דריי ווייסן מיר אלע צייגט אויף ״חזקה״. דערמיט האבן מיר ב״ה זיך ערווארבן די ״חזקה״ אין דער עולם הנגינה פונם חרדיש׳ן אידענטום, אלס די ערצייגער און ארויסגעבער פון ״ערליכע און היימישע חסידישע ניגונים״, וועלכע ווערן געזונגען אין אלע אידישע שטובער, און טוט באשיינען אידישע שמחות און מאורעות.

די געוואלדיגע הצלחה און פאפולעריטעט פון די ערשטע צוויי ״יונגערליך״ אלבום׳ס וועלכע מיר האבן ארויסגעגעבן, האט אונז איבערצייגט ווי וויכטיג אונזער פליכט איז, און טאקע דערפאר האבן מיט בעז״ה משתדל געווען אז די דאזיגע אלבום זאל זיין נאך שענער און נאך בעסער ווי ביז אהער. מיר שפירן אז מיר טראגן אן אחריות, אכטונג צו געבן אויף אונזער הייליגע מיסיע, צו ברענגען ערליכע און חסידישע נגינה, וועלכע גיבט אריין שמחה, דביקות, און התעוררות.

דער דיסק וואס איר האלט אין אייערע הענט איז א תוצאה פון שווערע איבערמידליכע ארבעט דורך מחנכים וכלי קודש, אייך צו ברענגען ערליכע חסידישע נגינה. הונדערטער - און אפשר טויזנטער - שעה׳ן, בלי גוזמא, זענען אריין אין דעם סידי, זיכער צו מאכן אז יעדע קלייניגקייט און דעטאל איז אויסגעהאלטן,

אונזער וואונטש איז, איר זאלט האבן ערליכע הנאה ביים אויסהערן דעם דיסק, זינגן די געשמאקע ניגונים, און זיך צו דערנענטערן צום רבוש״ע, און ווי אויך האפן מיר אז איר וועט אי״ה די זעלבע הנאה האבן פון די קומענדיגע פראדוקטן וואס מיר ארבעטן יעצט אייך צו ברענגען בקרוב.

מתוך הוקרה,

**הרב יהושע ראזען, ר׳ נפתלי משה שניצלער, הרב יוסף גליק**

# יישר כח

**קינדער כאר**

דודי ווינד
מאיר שפירא
יצחק שייש
יצחק דייטש
יעקב איינהארן
פינחס איינהארן
שלמה לעווי
יהושע ניישטאט
משה דוד פאזנער
צבי כהן
דוד זינגער
יהושע כץ
יצחק דוד ריגער
אליעזר קעסלער
גרשון שווארץ
יצחק שווארץ
דובי שטאהל
אהרן מונד
שלמה געללער
ישראל איסר קורץ
אהרן בראכפעלד

פנחס באקאן
זלמן לעמער
אברהם גאטעסמאן
הערשי באכנער
משה טייכמאן
מרדכי זיידענפעלד
משה גאלדשטיין
אשר רובין
יחזקאל פאשקעס
משה בלומענבערג
אברהם שיינשנאדער
אפרים גראסמאן
אברהם אליהו וואזנער
ישראל ציג
אברמי גליק
אברמי פעלבערבוים
אפרים גארדען
דוד בייער
הערשי ברוין
העשיל שפירא
זלמן לייב פעלבערבוים
חנינא ראזענבערג
יוסף גאלדמינצער

יחיאל גרינבלאט
יחיאל לונגער
יחיאל מארקאוויטש
לייבי פרענקעל
מאטי גאלדמינצער
מאיר ברילאווסקי
מאיר גליק
מושי לעבל
מושי שווארץ
מיכל ניצלער
מיכל שווארץ
מענדי בייער
מענדי גרין
מענדי שפיטצער
מרדכי שפירא
משה יצחק סורקיס
שלמה מרדכי וואסערמאן
שמואל דוד מאסקאוויטש
שמילי ראזענבלום
שמעון אשר טויב
שמעלקא גאלדקלאנג

**מענער כאר**

**יוסף גליק**
ברוך אברהם לונגער

ברוך ניימאן
חיים מאיר ניימאן
יצחק צימענד
ישעי' הערצל
שלמה ליכטער

**מענדל פעקעטע**

ח. האלענדער
גדלי' גרינהוט
שמעון עוזר גרינפעלד
אברהם שפילמאן

**ידידים העולמית**

יעקב רוטבלט
סיני ברמן
גיל ישראלוב
יוסף משה כהנא
ישראל ויצמן

**ADULT CHOIR:**

R' Yossi Glick
*(Tracks 1,2,4,8,10)*
Mendy Fekete
*@House of Music*
*(Tracks 3,6)*
Yedidim International
*(Tracks 5,9,11)*

# Credits

*A Project by*
House of Music Label
*Produced by*
Naftali Schnitzler
*Creative Director*
Hershy Weinberger

*Yingerlich*
*Executive Director*
R' Shiye Rosen
*Project Manager*
Yoely Freund

# Musicians

*Drums*
Avi Avidani
Barak Aharon
Gal Kershovski
*Bass*
Arye Volnitz
Guy Dhan
*Piano & Synth*
Naftali Schnitzler
Benny Laufer
Hershy Ginsberg
Yiddy Landau
*Guitar*
Avi Singolda
Nachmen Dryer

*Brass*
New York Brass
Mike Fahie
Stuart Mack
Dave Smith

*Horns*
Danny Flam
*@New York Brass*

*Woodwinds*
Dor Asraf

*Strings*
Ayel Shloach & Co
Esession Strings, *LA CA*

*Mix & Mastered*
House of Music Team
*Recorded at:*
House of Music *- Brooklyn NY*
Gal-Kol Studios *- Israel*
Zemiros Studios *(Banet) - Bnei Brak*
Tenor Studios *- Israel*
Ginsberg *- UK*
SYR Studios *- Brooklyn NY*
Shevach Studios *- New Square NY*

*Technicians*
Israel Orbach
Naftali Schnitzler
R' Shia Rosen
R' Yossi Glick
Yoely Freund
Yiddy Landau
Mendy Fekete

*Design*
Eli Kaufman
*Distribution*
L'chaim Distributers

1

# שויתי

יונגערליך

**א. יעדעס קינד ווייסט,** אז דער הייליגע רמ"א הויבט אהן די שלחן ערוך מיט די ווערטער "שויתי ד' לנגדי תמיד", דאס מיינט, אז די הייליגע באשעפער שטייט פאר מיר, און זעהט אלעס וואס איך טוה א גאנצע טאג. די הייליגע רמ"א שרייבט, אז דערמיט שפאנט מען ארויף העכער און העכער, אנצוקומען צו זיין אן ערליכע איד.

שְׁוִיתִי הַשֵּׁם לְנֶגְדִּי תָמִיד, דוּ שְׁטֵייסְט אַקֶעגְן מִיר פַאר מַיינֶע אוֹיגְן טוּסְטוּ זַיין, אִיךְ וֵוייס דוּ בִּיסְט מִיט מִיר אִין אַ יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע זְמַן.

(תהלים טז ח)

לחן:
**ר' הערשל וויינבערגער**

עיבודים:
**ר' נפתלי משה שניצלער**

סולן:
**ר' נפתלי משה שניצלער**

סולן ילד:
**גרשון שווארץ, פנחס באקאן**

# היה



לחן:
**ר׳ אליעזר קאליש**

עיבודים:
**ר׳ נפתלי משה שניצלער**

סולן:
**הרב יוסף גליק**

סולן ילד:
**דודי ווינד**
**נ.צ. הלברשטאם**
**מאיר שפירא**
**יהושע כ״ץ**

הָיָה הֹוֶה וְיִהְיֶה
שְׁמוֹר שׁוֹמְרֵי
וּמְצַפִּים שַׁבָּת
קָדְשֶׁךָ, הֵיילִיגֶע
שַׁבָּת, לֶעכְטִיגֶע
שַׁבָּת, וּמְצַפִּים שַׁבָּת
קָדְשֶׁךָ.

(מתוך זמירות ק-ה אכסוף לליל שב״ק)

**ב. אין די עשרת הדברות שטייט**

״זכור את יום השבת לקדשו״. דאס מיינט אז מ׳דארף געדענקן צו הייליגן דעם ״שבת קודש״. פול פוסקים האלטן אז דער מצוה גייט אהן יעדן טאג פונם וואך, און צוליב דעם זאגן מיר יעדן טאג נאכן דאווענען ביים ״יום״, היום יום ראשון ב״שבת״, אדער היום יום שני ב״שבת״ א.א.וו. צו ווייזן אז מיר ציילן שוין די טעג און מיר ווארטן שוין אויף שבת קודש. בעטן מיר פונם הייליגע באשעפער וואס איז א ״הי׳ הוה ויהי׳״ אז ״שמור״ - ער זאל אפהיטן מיט א שמירה העליונה - ״שומרי ומצפים שבת קדשך״ - מיר אידן וועלכע א גאנצע וואך ווארטן מיר אויף שבת.

3

# צאן קדשים

יונגערליך

לחן ורעיון:
**ר׳ הערשל וויינבערגער**

עיבודים:
**ר׳ נפתלי משה שניצלער**

סולן ילד:
**ישראל איסר קורץ**
**זושא שניצלער**

צֹאן קָדָשִׁים צֹאן, וַאֲנַחְנוּ צֹאן, אֲנַחְנוּ עַמְּךָ
וְצֹאן מַרְעִיתֶךָ צֹאן קָדָשִׁים. וַוייל מִיר זֶענֶען
דַיינֶע שָׁאף, הֵיילִיגֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ, דַיינֶע
זִיסֶע שָׁאף, הֵיילִיגֶע שֶׁעפֶּעלֶעךְ, אָנוּ צֹאנֶךָ
וְאַתָּה רוֹעֵנוּ, צֹאן קָדָשִׁים.

(יחקאל לו לח, תהילים עט יג,
מתוך תפלת יום כיפור)

**ד.** ווייל מיר זענען דיינע שאף - הייליגע שעפעלעך. חז״ל זאגן, אז וועגן דעם זענען מיר צוגעגליכענט צו ״צאן״, ווייל פונקט אזוי ווי ביי שאף, ווען איינער פון די סטאדע ווערט געשלאגן, שפירן עס אלע שעפעלעך, אזוי אויך זענען מיר אידן, ווען חלילה עס געשעהט א צרה ביי א איד, טוט עס וויי פאר אונז אלע. אלע אידן זענען הייליגע שעפעלעך פון איין סטאדע, און מיר האבן איין גרויסע פאסטוך דער באשעפער פון די גאנצע וועלט.



יונגֶערליך



# ואשא

וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם עַל כַּנְפֵי נְשָׁרִים וָאָבִא אֶתְכֶם אֵלָי, וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים, וָאָבִא אֶתְכֶם אֵלָי.

(שמות יט ד-ה)

**ג. דער בורא כל העולמים** פירט אונז אידישע קינדער זייער הויך, העכער פון אלע אנדערע פעלקער אויף דער גאנצע וועלט, כדי אונז צו באשיצן פון אלעם בייזן, אזוי ווי דער אדלער, וועלכע פליעהט פיל העכער פון אלע אנדערע פייגעלעך, אזוי ברענגט אונז דער אויבערשטער נאנט צו זיך. אלעס ווייל מיר זענען דאס טייערסטע און שענסטע, פון אלע פעלקער וואס דער אויבערשטער פארמאגט אין זיין וועלט.




לחן:
**ר׳ פנחס מרדכי וועבער**

עיבודים:
**ר׳ נפתלי משה שניצלער**

סולן:
**ר׳ יואל פריינד**

סולן ילד:
**יחיאל מארקאוויטש**

5

# אב הרחמים

יונגֶערלך

**א.** אָט די תפילה האָט מען מתקן געווען צו זאגן שב"ק בעפאר תפילת מוסף, מתפלל צו זיין צום אויבערשטען, צו געדענקן די אלע טויזענטער און מיליאנען חסידים ישרים און תמימים, און גאנצע קהלות הקודש, וועלכע זענען נעבעך אומגעקומען על "קדושת השם", און שוין ענדליך נעמען א נקמה פון די גוים די רשעים, פאר די אידישע בלוט וועלכע זיי האבן פארגאסן, במשך די אלע יאהרן אין גלות, און אונז שוין ברענגן משיח צדקנו במהרה בימינו

אָב הָרַחֲמִים שׁוֹכֵן מְרוֹמִים, בְּרַחֲמָיו הָעֲצוּמִים, הוּא יִפְקֹד בְּרַחֲמִים, הַחֲסִידִים וְהַיְשָׁרִים, וְהַתְּמִימִים, קְהִלּוֹת הַקֹּדֶשׁ שֶׁמָּסְרוּ נַפְשָׁם עַל קְדֻשַּׁת הַשֵּׁם.

(לפני תפילת מוסף בשבת)

לחן:
**ר׳ פנחס מרדכי וועבער**

עיבודים:
**ר׳ משה לאופער**

סולן:
**הרב יהושע ראזען ור׳ יואל פריינד**

סולן ילד:
**גרשון שווארץ**
**מאיר שפירא**
**דודי ווינד**

6

# טאנץ

יונגערליך

לחן:
**ר׳ נפתלי משה שניצלער**

עיבודים:
**ר׳ נפתלי משה שניצלער**

סולן:
**הרב יהושע ראזען**

סולן ילד:
**יהושע כ״ץ**
**דודי ווינד**
**מאיר שפירא**



לָאמִיר טַאנצֶן אַ רְקִידָה׳לֶע.... לָאמִיר טַאנְצְן הֶערְלִיךְ שֵׂיין, מָלֵא חֵן, גִּילָה רִינָה דִיצָה וְחֶדְוָה, אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת. צוּפְרִידְן לָאמִיר טַאנְצְן בְּגִילָה, לֶעבֶּעדִיג לָאמִיר טַאנְצְן בְּרִנָּה, אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת.

(מתוך שבע ברכות)

**ז. לאמיר טאנצן א רקידה׳לע -** פונקט אזוי ווי מיר זינגען בלויז ערליך, היימיש און חסידיש, אזוי אויך טאנצן מיר ערליך, היימיש און חסידיש. ווען מיר טאנצן ביי א שמחה של מצוה, טאנצן מיר שיין און מלא חן, מיט א רגש פון צופרידנקייט און לעבעדיגקייט, פול מיט אהבה ואחוה ושלום ורעות.

# מיין זיידע

לחן ורעיון:

**ר׳ הערשל וויינבערגער**

מילים:

**ר׳ הערשל וויינבערגער**

**ור׳ וועלוול שמעלצער**

עיבודים:

**ר׳ הערשל גינסברג**

סולן:

**ר׳ נפתלי משה שניצלער**

סולן ילד:

**דוד לייפער**



**1.**

מַיין זֵיידֶע הָאט מִיר פַארְצֵיילְט,
זִכְרוֹנוֹת מִיטְגֶעטֵיילְט,
וָואס עֶר אִיז אַלְס אַדוּרְךְ אִין לֶעבְּן,
זִיץ אִיךְ דָארְט שְׁטִילֶערְהֵייט,
מִיט דָארְשְׁט אִיךְ שְׁלִינְג זַיינֶע רֵייד,
וָואס עֶר טוּהט פַאר מִיר זַיין אֵיינִיקְל אִיבֶּערגֶעבְּן,

**2.**

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַמָאל גֶעהַאט אַ זֵיידֶע,
אַוֶועק אִיז עֶר בַּיים קְרִיג לֵיידֶער,
אוּן וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן אִים גֵייט מִיר אַ טְרֶער,
זַיין וֶועזְן זַיין צוּרָה זַיין חֵן,
זַיין וַוארֶעמְקֵייט מִיט תְּמִימוּת גָאר רֵיין,
וָואס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין מֶער,

**3.**

זֵיידֶענְיוּ מַיין זֵיידֶע,
גֶעוֶוען פַאר מִיר אַן אֲבֵידָה
גֶעהַאט אַזַא קֶשֶׁר אַן אֵייבִּיגֶע בּוּנְד מִיט מִיר,
אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרַאכְט דַאן,
אַז אֵיין טָאג אַ זֵיידֶע וֶועל אִיךְ זַיין,
אוּן הָאבְּן אַזַא לֶעכְטִיגֶע אֵיינִיקְל וִוי דִיר,

זײדעניו מײַן זײדע,
איך און דיר בײדע,
געהאַט אַ קשר וואָס מען קען נישט אָפּטײלן,
ווי גליקלעך בין איך,
אַז איך זיץ מיט מײַן אײניקל דיך,
און קען זיסע זכרונות דערצײלן,

4.

לְמַעַן יֵדְעוּ דוֹר אַחֲרוֹן, דוֹר דוֹר אַחֲרוֹן,
לְמַעַן יֵדְעוּ דוֹר אַחֲרוֹן,
דו ביסט מײַן זײדע מײַן קרוין,

1.

ווי איבערגענומען איך בין,
ווען מײַן זײדע דערצײלט מיר דערפון,
ווי שטאָלץ צו זײַן פון דעם שורש איך שפּיר,
ליבער זײדעניו, ווען איך פאַרברענג מיט דיר דאָ,
דעם גאַנצן לעכטיגן אַמאָל זע איך אין דיר.

2.

דײַן האַנט לאָמיך אָנכאַפּן,
דײַן הדרכה גוט אײַנזאַפּן,
די טײערקײט פון דײַנע רײד קען מען נישט
באַשרײַבן.
באַ׳חנ׳טע זיסע אויסדרוקן,
פון דײַנע ווערטלעך זיך דערקוויקן,
הלוואַי קען איך מיט דיר אויף אײביק פאַרבלײַבן,

3.

זײדעניו מײַן זײדע,
איך און דיר אונז בײדע,
פאַרמאָגן אַ קשר אַן אײביקע בונד,
און דאָס איז אויך מײַן רצון מײַן ווילן,
אײגענע דורות אויפשטעלן,
שטאָלצירן אַז זײ זענען מײַן זײדעס אַ קינד.

זײדעניו מײַן זײדע,
איך און דיר אונז בײדע,
מיר פאַרמאָגן אַ קשר וואָס מען קען נישט אָפּטײלן,
און איך האָף אַז אײן טאָג הלוואַי,
מײַנע אײניקלעך זײ,
וועל איך אויך קענען זכרונות דערצײלן.

4.

לְמַעַן יֵדְעוּ דוֹר אַחֲרוֹן, דוֹר דוֹר אַחֲרוֹן, לְמַעַן יֵדְעוּ דוֹר
אַחֲרוֹן, דו ביסט מײַן זײדע מײַן קרוין,



8

# רבי טרפון

יונגערליך

רַבִּי טַרְפוֹן אוֹמֵר, הַיּוֹם קָצֵר וְהַמְּלָאכָה מְרֻבָּה, וְהַפּוֹעֲלִים עֲצֵלִים, וְהַשָּׂכָר הַרְבֵּה, וּבַעַל הַבַּיִת דּוֹחֵק רַבִּי טַרְפוֹן אוֹמֵר, כַאפּ אַרַיין כָּל זְמַן, וָואס דוּ בִּיזְט דָא וַוייל הַמְּלָאכָה מְרוּבָּה, כַאפּ אַרַיין כָּל זְמַן, יֶעדֶע מִינוּט נוּץ אוֹיס גוּט.

(אבות ב טו)

**ה. אין פרקי אבות לערנט אונז די הייליגע תנא רבי טרפון**, אז דאס לעבן פון א מענטש איז קורץ, קעגן די תורה הקדושה וואס איז אזוי גרויס. דער בעל הבית פון דער וועלט - די הייליגע באשעפער - שטופט אונז, און וויל זייער שטארק, אז מיר זאלן לערנען ווי מער פון זיין הייליגע תורה, און ער גיבט אונז דערפאר אסאך שכר. דערפאר ווייסן מיר, אריינצוכאפן יעדע מינוט, און גוט אויסנוצן די צייט.



# יונגֶערלֶיך

לחן:

**ר׳ יונה ליפשיץ**

עיבודים:

**ר׳ נפתלי משה שניצלער**

סולן:

**ר׳ חיים מרדכי פייערווערקער**

סולן ילד:

**שלמה מרדכי וואסערמאן**
**יוסף גאלדמינצער**
**שמעון שניצלער**

# המעביר

יונגֶערליך

**ט. יעדע נאכט ביי מעריב**, נאך קריאת שמע, חזר'ן מיר זיך איין, אונזער אמונה אין די ניסים פון יציאת מצרים, אז דער אויבערשטער האט אונז - זיינע קינדער - אריבער געפירט דעם ים סוף, און געמאכט אן עק פון אונזערע שונאים, און זיי איינגעזונקען טיף אינם ים אריין. מיר אידישע קינדער וועלכע האבן דאן זוכה געווען צו זעהן די שטארקייט פונם אויבערשטער, האבן געדאנקט און געלויבט אונזער הייליגע באשעפער, און מקבל געווען אויף אונז דעם "עול מלכות שמים" מיט א רצון, און מיט א געשמאק, און צוזאמען מיט משה רבינו האבן מיר געזונגען שירה צו דער אויבערשטער. מיר גלויבן, און מיר האפן אז באלד איניגיכן וועלן מיר נאכאמאל זוכה זיין צו די גרויסע ישועה בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

הַמַּעֲבִיר בָּנָיו בֵּין גִּזְרֵי יַם סוּף, אֶת רוֹדְפֵיהֶם וְאֶת שׂוֹנְאֵיהֶם בִּתְהוֹמוֹת טִבַּע, וְרָאוּ בָנָיו גְּבוּרָתוֹ שִׁבְּחוּ וְהוֹדוּ לִשְׁמוֹ, וּמַלְכוּתוֹ בְּרָצוֹן קִבְּלוּ עֲלֵיהֶם. מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל לְךָ עָנוּ שִׁירָה.

(מתוך תפילת ערבית)

לחן:
**ר' אליהו ציג**

עיבודים:
**ר' אברהם גוראריי**

סולן:
**ר' חיים מרדכי פייערווערקער**

סולן ילד:
**חיים פריינד**
**פנחס באקאן**

יונגֶערלִיך

# זכינו

לחן:
**ר׳ הערשל וויינבערגער**
עיבודים:
**ר׳ נפתלי משה שניצלער**
סולן:
**ר׳ בצלאל גאלד**

זַכֵּנוּ לְקַדֵּשׁ רְמַ"ח אֵיבָרֵנוּ,
לֵב וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ
בְּקִרְבֵּנוּ. לָאוֹר בְּנוֹעַם אוֹר
זִיו שְׁכִינָתְךָ, אֲדוֹן הַכֹּל.
זַכֵּנוּ לְקַדֵּשׁ רְמַ"ח אֵיבָרֵנוּ,
צוּ זַיין אַ הֵיילִיגֶע אִיד.

(מתוך פיוטי הקפות שמחת תורה)

י. **די הייליגע חרדים,** וועלכע האט מחבר געווען פול הייליגע פיוטים, וועלכע זענען תפילות צו השי"ת אז מיר זאלן זוכה זיין צו שפירן א העכערקייט אין אונזער אידישקייט, (ווי למשל דער פיוט פון "ידיד נפש אב הרחמן"), האט אויך געשריבן א פיוט, וועלכע פיל צדיקים האבן זיך געפירט עס צו זינגען שמחת תורה בשעת די הייליגע הקפות, ווי מ'איז מתפלל אז דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, אז אלע אונזערע רמ"ח אברים זאלן ווערן הייליג, און אונז געבן א ריינע הארץ, כדי מיר זאלן זוכה זיין, צו זיין הייליגע אידן, און קענען נהנה זיין מזיו השכינה.

11

# קל מלך

## יונגֶערליך

**יא. ווער קען דען וויסן,** און ווער קען דען שאצן, וואס פאר א רושם עס מאכט אין הימל, ווען א אידישע מאמע לערנט אויס איהרע לעכטיגע קינדער, אז מ'לייגט די רעכטע הענט אויף די צוגעמאכטע אויגן, צו געדענקן און צו וויסן אז ס'איז נאר דא איין איינציגע באשעפער אויף דער גאנצע וועלט. דאס זענען הייליגע ווערטער וועלכע ווערן שוין געזאגט הונדערטער יאהרן, אין אלע אידישע דורות. דערמיט האט מען איינגעקריצט אונזער הייליגע אמונה, טיף טיף אין אונזערע הערצער.

דִי רֶעכְטֶע הֶענְט אוֹיף דִי צוּגֶעמַאכְטֶע אוֹיגְן, צוּ גֶעדֶענְקֶען אוּן צוּ וִויסְן אַז סְ'אִיז נָאר דָא, אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דֶער גַאנְצֶע וֶועלט, קֵל מֶלֶךְ נֶאֱמָן, שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַשֵּׁם אֱלֹקֵינוּ הַשֵּׁם אֶחָד.

(מתוך קריאת שמע על המטה)

לחן:
**ר' שמעון יואל וועבער**

עיבודים:
**ר' יהודה לאנדא**

סולן:
**ר' שמעון יואל וועבער**

סולן ילד:
**ישראל איסר קורץ**
**מאיר שפירא**
**זושא שניצלער**

טייערע קינדער,

מיר האפן אז דו האסט הנאה פון דעם סידי, און מיר זענען זיכער אז דו האסט אויך א טאלאנט מיט וואס דו שטאלצירסט און מיט וואס דו ווילסט שטייגן. מיר ווילן הערן פון דיר! שיק אונז א בריוו, וואו דו שרייבסט אונז מער וועגן די טאלאנט וואס דו האסט, און אויך סיי וועלכע שאלות דו האסט, און מיר וועלן זען וויאזוי מיר קענען דיר העלפן מיט דיין טאלאנט. ווי אויך, שרייב אונז וועלכע ניגון דו האסט די מערסטע ליב, און פארוואס. מיר וועלן אי"ה ליינען יעדע איינציגע בריוו, און פארעפנטליכן די רעזולטאטן אי"ה פון וועלכע ניגונים איר האט די מערסטע ליב.

שיק דיין בריוו צו


YINGERLICH

1248 48 Street • Brooklyn, NY 11219

**הרב צבי קאפל לעמל** - מלמד מומחה, מסור בלב ונפש ליונגערליך.
**חיים אהרן מינצערליס** - אזוי איבערגעגעבן בכל עת ועונה,
**מענדי פעקעטע** - מיר זענען שטאלץ דיר צו האבן אלס מיטארבעטער
**ר' וועלוועל שמעלצער** - יישר כח פאר די טרעפליכע הערות און דיין כסדר'דיגע מיטארבעט
**ישראל אויערבאך** - אלעמאל רואיג און שנעל מיט א פינטקליכקייט
**שלמה ברוין** - דיין געטריישאפט איז צום באוואונדערן
**בעני לאופער** - ברא כרעא דאבוה! א ערליכע ארבעט! מיט א פונקטליכקייט..
**חזקי שטיין** - אייביג מיט דיין הארץ און אויער
**זלמן ווידער** - דער קול שופר פארן יהדות החרדית
**חיים לאוב** - א רוקן ביין סיי ווען מדארף דיין הילף
**וועלוועל פעלדמאן** - יישר כח פארן דא זיין אלעמאל פאר אונז
**בצלאל גאלד** - צו זיין א הייליגער איד!
**יואל הלוי יונגרייז** - אלס דא מיט זיין גאלדענעם פעדער
**יצחק אדלער** - א שכן טוב און אן אמתע גוטע חבר

**שלמה שפילמאן**
**יואלי הורוואוויץ**
**משה אייזענבערג**
**ישראל באדאנסקי**
**יונה ליפשיץ**

**שלמה שטיינמעץ**
**דוד דוב מייזעלס**
**לוי יצחק פאלקאוויטש**
**שימי ענגעל**
**אלי' ציג**

**ישעי' גראס**
**צוות לחיים**
**נפתלי ש. חבורה**
**וועיווילי גארדענס חבורה**

# הכרת הטוב

**הערשי ווײַנבערגער** - א גאון אין טאלאנט. דיין האנט איז אין אלעס. כמותך ירבו.
**הרב יוסף משה כהנא** - א שאד מיר האבן זיך נישט באקענט פריער.
**הרב יושע ראזען** - א זכי' צו זיין מיט דיר א שותף לדבר מצוה.
**יואלי פריינד** - האוז אף מוזיק איז גארנישט אן דיר.
**יודי לאנדא** - כאטש איך הייב דיר אן באַקענען פונדאסניי...
ווער איך געוואר יעדן טאג ווי סך דו קענסט! דו האסט א גרויסע עתיד!

*נפתלי משה שניצלער*

**י** ודו לד' חסדו, אז ב"ה מיר האבן זוכה געווען ווייטער ארויס צו געבן,
**ו** נפלאותיו לבני אדם, א מייסטער סעריע פון ערליכע נגינה צו שטרעבן,
**כ** ודה לך ונספר, די געוואלדיגע ארבעט וואס מען האט געטוהן אריין לייגן,
**ג** ל עיני ואביטה, מיט א טיפן בליק אין יעדן ניגון פון די מסורה זיך נישט צו בייגן,
**ע** ל זאת אני מודה להאי גברא יקירי וידידי נפתלי משה'ס טאלאנט,
**ר** אשו ורבו בכל פרט וכלל, מיט אן אויסטערלישע חוש וואס איז ברייט באקאנט,
**ל** אמיר לויבן לאמיר דאנקן שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה מען קוועלט,
**י** דינו הצליחו אריין צו ברענגן איידעלע מוזיק אין יעדן אידישע געצעלט,
**כ** ל הנשמה תהלל קה מיט יעדן ניגון אויף דער גאנצע וועלט,

**הרב יהושע ראזען**











זיך איינצושרייבן אדער צו באשטעלן די יונגערליך
347.927.6645

פאר יונגערליך משפחה
917.757.2705

פאר יונגערליך געאייגנט פאר דיין חדר/ישיבה
347.489.8332